אויף תיכף ארויסצוגעבן: 10/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו פארברייטערן רויט לייט קאמארא פראגראמען און באשיצן ניו יארקער אויף די גאס**

***נייע געזעצן פארברייטערן עקזיסטירענדע רויט לייט קאמערא פראגראמען איבער די סטעיט***

***גרעסטע פארברייטערונג פון רויט לייט קאמערא פראגראם אין NYC היסטאריע***

***לעגיסלאציע S9504A/A.3120A באשיצט סטודענטן דורך פארגרעסערן געלט-שטראפן פאר איבערנעמען און דורכפארן א שולע באס***

***לעגיסלאציע S9361/A.8557 פארלאנגט באנוצונג פון סיעט בעלט אויף טשארטער באסעס פאר קינדער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אינטערגעשריבן לעגיסלאציע צו פארמערן שאסיי זיכערהייט דורך פארברייטערן עקזיסטירענדע רויט לייט קאמערא פראגראמען איבער די סטעיט און אוועקשטעלן א נייע רויט לייט קאמערא פראגראם אין די האדסאן וועלי. גרעסטע פארברייטערונג פון רויט לייט קאמערא פראגראם אין ניו יארק סיטי'ס היסטאריע. די היינטיגע שריט בויט אויף [גאווערנער האקול'ס לעגעסי](#) פון אטאריזירן געמיינדעס איבער די סטעיט צו נוצן קאמערא טעכנעלאגיע אנצוהאלטן פארקער זיכערהייט און באשיצן ניו יארקער. גאווערנער האקול האט אויך אינטערגעשריבן לעגיסלאציע וועלכע וועט באשיצן קינדער אויף באסעס און אנדערע מאסנאמען אנטוויקלט צו האלטן סטודענטן זיכער און האלטן ווילדע דרייווער פאראוואנטליך.

״די זיכערהייט פון אלע ניו יארקער איז מיין העכסטע פריאריטעט און אונז ווייסן אז רויט לייט קאמערא פראגראמען זענען עפעקטיוו אין באשיצן ניו יארקער פון געפארפולע דרייווער,״ **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "היינט, טוה איך פארברייטערן די אטאריזאציע פון פראגראמען איבער ניו יארק און טוה אוועקשטעלן נאך א פראגראם אנצוהאלטן אונזער פארשריט אויף פארקער זיכערהייט, ווען שאפענדיג פרישע באשיצונגען פאר שולע יארגאנג קינדער אויפן גאס."

די לעגיסלאציע וועט פארלענגערן, פארברייטערן אדער שאפן רויט לייט קאמערא פראגראמען אין די פאלגענדע געגענטער:

- ניו יארק סיטי - פארלענגערט און פארברייטערט
- סיטי פון ווייט פלעינס - פארברייטערט
- סיטי פון אלבעני פארברייטערט
- נעסאו קאונטי - פארברייטערט
- טאון פון גרינבורג - א געזעצליכע נייע פראגראם
- סיטי פון מאונט ווערנאן - פארלענגערט

- סיטי פון ניו ראשעלע - פארלענגערט

**סענאט מאיאריטעט פירער אנדריעא סטווארט-קאזינס האט געזאגט,** "רויט לייט קאמערא פראגראמען ראטעווען לעבנס דורך פארבעסערן שאסיי זיכערהייט און פארמינערן פארקער פארלעצונגען. איך האב מיט פארגעניגן געשפאנסארד A9305 אין אנטווארט צו א קלארער נויט אין די טאון פון גרינבורג, ספיציעל ביי די אינטערסעקשען פון ארדסלי און אלד ארמי גאסן, וואו רויט לייט-פארבינדע אקסידענטן האבן פאסירט. די איניציאטיוו וועט באשיצן פוס גייער און פארמאטירן פארווארנטליכע דרייווערן. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פאר'ן אונטערשרייבן די לעגיסלאציע אריין אין געזעץ און פאר איר פארליכטונג צו מאכן אונזער גאסן מער פארזיכערט."

**סטעיט סענאטאר נעיל ברעסלין האט געזאגט,** "די רויט לייט קאמערא פראגראם איז אויפגעוויזן געווארן צו זיין א שטארקער אפהאלט פאר דרייווער פון אריבערפארן רויט לייטס. איינפאך געלייגט, די קאמערעס מאכן אונזער גאסן מער זיכער פאר פוס גייער, ביציקל פארער און מאטאריסטן צוגלייך. איך אפלאודיר גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די און אנדערע פארקער זיכערהייט מאסנאמען אריין אין געזעץ."

**סטעיט סענאטאר דשאמאל באילי האט געזאגט,** "היינט צייכנט אפ א גרויסע טאג פאר די זיכערהייט פון אלע ניו יארקער פון רויט לייט קאמעראס ביז אנדערע געזעצן און רעגולאציעס פארזיכערענדיג די זיכערהייט פון דרייווער און פוסגייער צוגלייך. איך בין ספיציעל צופרידן מצו זעהן דאס אינטערשרייבן פון ביל S9735, וועלכע איך האב געשפאנסערד צוזאמען מיט אסעמבלימעמבער געריי פרעטלאו אין נאמען פון די סיטי פון מאונט ווערנאן פארברייטענדיג די פארקער רעגולאציעס. א דאנק די מעיאר פון מאונט ווערנאן, שאון פעטערסאן-האווארד און סיטי קאונסיל פרעזידענט, קעטלין גליסאן, פאר זייער איבערגעגעבענע באמיונגען צו פארזיכערן די זיכערהייט פון מאונט ווערנאן'ס בירגער. איך דריק ארויס מיין דאנקבארקייט פון די פולע לעגיסלאטיווע פירער וועמענס איבערמידליכע באמיונגען פארזיכערן א בעסערע קוואליטעט פון לעבן פאר יעדעם. און ווי אייביג, א דאנק גאווערנער קעטי האקול, פאר איר אנגייענדע פירערשאפט און אנטשלאסנקייט.״

**סטעיט סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "ספידינג איז אן ערנסטע געפאר, ספיציעל ארום אונזערע שולעס, און ספיד קאמערא פראגראמען זענען אויפגעוויזן געווארן צו מאכן אן עכטע אונטערשיד אין פארמיידן פאטאליטעטן, האלטענדיג סיי סטודענטן און די גרעסערע געמיינדע זיכער. איך בין שטאלץ צו ספאנסארן די לעגיסלאציע ערלויבענדיג די סיטי פון קינגסטאן אנצוהייבן א ספיד קאמערא פילאט פראגראם אין געוויסע שולע זאנעס צו בעסער באשיצן אונזער איינוואוינער. טראגיש, אונז האבן פארלוירן צו פיל לעבענס אין אולסטער קאונטי צו פארקער-פארבינדענע אקסידענטן, און די נייע געזעץ איז א קריטישע מאסנאם וועלכע וועט העלפן מאכן אונזער גאסן מער פארזיכערט אין קינגסטאן שולע זאנעס."

**סטעיט סענאטאר נאטאליא פערנאנדעז האט געזאגט,** "מיט די אינטערשרייבונג פון די לעגיסלאציע, אונז נעמען סיגניפישע שריט צו האלטן אונזער גאסן מער פארזיכערט פאר יעדעם. פארלענגערן ניו ראשעלע'ס רויט לייט קאמערא פראגראם וועט פארמינערן שעדליכע דרייווען אויפירונג ביי קריטישע אינטערסעקשענס, באשיצענדיג פוסגייער און דרייווער צוגלייך. די פארלענגערונג דעמאנסטרירט אונזער אנגייענדע פארפליכטונג צו נוצן טעכנאלאגיע צו פארבעסערן פובליק זיכערהייט איבער ניו יארק סטעיט. איך דאנק גאווערנאר האקול פארן האלטן ניו יארקער'ס זיכערהייט א פריאריטעט."

**אסעמבלימעמבער דש. געריי פרעטלאו האט געזאגט,** "איך טוה פולקאם שטיצן גאווערנער האקול'ס לעגיסלאציע צו פארמערן רויט לייט קאמעראס איבער ניו יארק סטעיט און צו פארשטערקערן געלט שטראפן פאר די וועלכע טוהן אומלעגאל דורכפארן שולע באסעס. די מאסנאמען זענען גאר וויכטיג צו באשיצן ניו יארקער פון געפארפולע דרייווער און, מערסט וויכטיג, באשיצן אונזער סטודענטן. דורך

פריאריטיזירן פובליק זיכערהייט און האלטן ווילדע דרייווער פאראנטליך, אונז טוהן שאפן זיכערע גאסן פאר אלע און פארזיכערן אז אונזער קיינדער קענען רייזען צו שולע אנע פחד."

**אסמעבלימעמבער פעט פאהי האט געזאגט,** "רויט לייט קאמעראס ראטעוועט לעבענס. מאטאריסטן, פוסגייער און ביציקל פארער זענען אלע ווייניגער אויסגעשטעלט צו זיין פארמישט אין צאמשטויסן ביי אינטערסעקשענס ווען עס זענען פארהאנען רויט לייט קאמעראס. ענדגילטיג, זיי ראטעווען לעבענס און העלפן צו פארעכטן שעדליגע דרייווען אויפירונג, האלטענדיג יעדער אויף אונזערע גאסן זיכער."

**אלבעני מעיאר קעטי שיהאן האט געזאגט,** "איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם שטיקל לעגיסלאציע. איך וויל אויך דאנקען אסעמבלימעמבער פאהי און סענאטאר ברעסלין פאר זייער איבערמידליכע באמיהונגען אין אדוואקאטירן פאר האלטן אונזער גאסן פארזיכערט. די קאמעראס ארבעטן צו פארזיכערן דרייווער פארשטייטערן זיך און זענען מער פארזיכטיג. לעגיסלאציע ווי די העלפט אונז זיך ריקן פאראויס צו האלטן אונזער גאסן פארזיכערט פאר אנדערע דרייווער, פוסגייער, ביציקל פארער און די וועלכע נוצן אנדערע מעטאדן פון טראנספארטאציע."

**מאונט ווערנאן מעיאר שאוון פעטערסאן האווארד האט געזאגט,** "א דאנק, גאווערנער האקול, פארן אינטערשרייבן די לעגיסלאציע צו פארסרייטערן די רויט-לייט קאמערא פראגראם. מאונט ווערנאן איז שטארק פארפליכטעט צו פארזיכערן זיכערע גאסן פאר יעדעם. די לעגיסלאציע שפילט א קריטישע ראלע אין אונזער שאסיי זיכערהייט שריט פלאן און די פארקער-בארואיגונג מאסנאמען וועלן פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן, באוועגונג און צוגענגליכקייט פאר אונזער יוגענט און עלטערע ווען זיי שפאצירן, דרייווען און פארן אויף ביציקלעך דורכאויס אונזער געמיינדע."

**ווייט פלעינס מעיאר טאמעס ראוטש האט געזאגט,** "איך בין שטארק דאנקבאר פון גאווערנער האקול'ס זטיצע פאר אונזער באמיהונגען צו מאכן די גאסן פון ווייט פלעינס מער פארזיכערט. אונז האבן געזעהן א פארמינערונג אין אקסידענטן ביי די אינטערסעקשענס געדעקט דורך די לעגיסלאציע און די פארברייטערונג פון די פראגראם וועט אונז העלפן ווייטער פארזעצן די פאזיטיווע אנטוויקלונג."

**ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון טראנספארטאציע (Department of Transportation) קאמיסיאנער ידאניס ראדריגעז האט געזאגט,** "רויט-לייט קאמעראס ראטעוועט לעבענס. רויט-לייט דורכפארן איז א הויפט צוגעבענדע פאקטאר צו פארקער פאטאלעטעיטן און די דאטא רעדט פאר זיך אליין: וואו אונז האבן אינסטאלירט די קאמעראס, רויט לייט דורכפארן און די פארבינדענע צוזאמשטויסן זענען געפאלן 73 פראצענט. אין די קומעדיגע מאנאטן, אונז וועלן אנאלאזירן צוזאמשטויס דאטא צו פעסטשטעלן די מערסט אפעקטיווע און גלייכע וועג צו פארברייטערן די באנוץ פון די קריטישע זיכערהייט געצייג. אונז דאנקען מעיאר עדעמס, גאווערנער האקול, אסעמבלימעמבער דינאוויץ, סענאטאר גאונארדעס און ערוועלטע באאמטע ביי סיי די סיטי און סטעיט שטאפלן פאר זייער שטיצע צו מאכן אונזערע גאסן מער פארזיכערט."

**דעפוטי מעיאר פאר אפעראציעס מירא דשאשי האט געזאגט,** "היינט אונז האבן עס ריכטיג אויף רויט! א דאנק גאווערנער האקול, ספאנסעארס גאורנדעס און אסעמבלימעמבער דינאוויץ, אויך אלע אדוואקאטן וועלכע האבן זיך באוויזן אין קראפט, ניו יארק סיטי האט די מעגליכקייט צו פארברייטערן איר רויט-לייט קאמערא פיר-פאכיג - טוישענדיג פארקער אויפירונג און פאקן די ערגסטע פארלעצער רויט-האנטיג. אונז טרייבן אראפ קאר פייניגער פון די גאס און האלטן ניו יארקער פארזיכערט - אן עכטע געווינס."

לעגיסלאציע S2812A/A5259A פארלענגערט אוטאראזאציע פאר ניו יארק סיטי'ס עקזיסטירענדע רויט לייט קאמערא פראגראם ביז 2027 און פארמערט די מאקסימום צאל פון אינטערסעקשענס מיט א רויט לייט קאמערא פון 150 ביז 600.

**סטעיט סענאטאר אנדרוי גאונארדעס האט געזאגט,** "די לאגיק איז איינפאך: מערסטענס דרייווער פארן נישט דורך רויט לייטס. און די דרייווער, צוזאמען מיט יעדער איינער, זענען מער זיכער ווען די וועלכע טוהן יא ווערן געהאלטן פאראנטווארטליך. דעס איז פארוואס איך האב דורכגעפירט לעגיסלאציע צו פארמערן די צאל קאמעראס צו 600 אינטערסעקשענס לענגאויס די סיטי. דריי יאר צענדליגן פון דאטא מאכט עס קלאר: רויט לייט קאמעראס פארמינערן צוזאמשטויסן און ראטעווען לעבענס. א דאנק, גאווערנער קעטי האקול, פאר׳ן אונטערשרייבן די וויכטיגע פארברייטערונג אלס געזעץ אזוי אז מער ניו יארקער זענען זיכער אויף אונזער גאסן, וויאזוי נאר זיי קערן זיך אום."

**אסעמבלימעמבער דעפרי דינאוויץ האט געזאגט,** "די היינטיגע אינטערשרייבן פון A.5259A איז א גרויסע טריט פאראויס פאר די זיכערהייט פון ניו יארקער. דורך פארברייטערן די צאל פון אינטערסעקשענס מיט רויט לייט קאמעראס אין ניו יארק סיטי פון 150 צו 600, אונז נעמען שטארקע שריט אפצושטעלן ווילדער דרייווען און פארמינערן פארקער פאטאליטעטן. די לעגיסלאציע טוט ווידער פעסטשטעלן אונזער פארפליכטונג צו נוצן אויפגעוויזענע טעכנעלאגיע צו באשיצן פוסגייער, ביציקל פארער און דרייווער. איך בין שטאלץ צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול און סטעיט סענאטאר גאונארדעס צו מאכן אונזער גאסן מער פארזיכערט און האלטן געפארפולע דרייווער פאראנטווארטליך. מיט די צוגעקומענע קאמעראס, אונז וועלן העלפן ראטעווען לעבנס, פארמיידן טראגעדיעס איבער אונזער שטאט און פארמינערן די צאל אינטעראקציעס צווישען פאליציי און מאטאריסטן."

די לעגיסלאטיווע פעקל טוט אויך פאקוסירן אויף באשיצן סטודענטן דורך אוועקשטעלן א נייע-ספיד קאמערא פראגראם אין קינגסטאן, פארמערענדיג געלט שטראפן פאר דורכפארן אפגעשטעלטע שולע באסעס, און מאנדאטירן סיטבעלט פארלאנגען פאר טשארטער באסעס. די נייע געזעצן טוהן ווידער פעסטשטעלן ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו באשיצן סטודענטן איבער ניו יארק סטעיט.

לעגיסלאציע S.8607A/A.9359A אוטאריזירט די סיטי פון קינגסטאן צו אוועקשטעלן א ספיד קאמערא פראגראם פאר ביז דריי שולע זאנעס, באשיצענדיג קינדער אויף זייער וועג צו און פון שולע.

לעגיסלאציע S.9504A/A.3120A פארגרעסערט געלט-שטראפן פאר איבערנעמען און דורכפארן א שולע באס. די געלט שטראף פאר א דריטע אדער ווייטערדיגע פארלעצונג אין דריי יאר וועט ארויפגיין פון $1,000 צו $1,500. דעס צילט איבערגייענדע פארלעצער ספעציפיש.

**אסעמבלימעמבער וויליאם מאגנארעלי האט געזאגט,** "פארבעסערן זיכערהייט אויף די שאסייען איז אן אנגייענדע קאמפ. די בילס אינטערגעזריבן היינט זענען אונזער לעצטיגע באמיהונגען אין דעם טעמע. די פעקל נעמט אריין צוויי וויכטיגע בילס אומבאלאנגט באס זיכערהייט. A.3120-A פארמערט די מאקסימאלע געלט שטראף פאר די וועלכע טוהן אומלעגאל דורכפארן אן אפגעשטעלטע שולע באס און בויט אויף אונזער ערפארלגרייכער קאמערא ענפארסירונג געזעץ. A.8557 פארלאנגט די באנוץ פון סיטבעלטס אויף טשארטער באסעס ארייגעבערענגט אלץ אנטווארט צו די פאריעריגע פאטאלע צוזאמשטויס אין ארענדש קאונטי. עס איז קריטיש אז יעדער באנוצט זיך מיט סיטבעלטס און זיכערהייט געצייג אויף יעדער סארט טראנספארטאציע. די בילס וועלן העלפן ראטעווען לעבענס. איך דאנק די גאווערנער פארן זיי אינטערשרייבן אין געזעץ."

לעגיסלאציע S9361/A8557 פארלאנגט אלע פאסאדשירן אויף טשארטער באסעס איבער די יארגאנג פון 8 צן נוצן די סיטבעלטס צוגעשטעלט.

**סטעיט סענאטאר מערידשעין שימסקי האט געזאגט,** "היינט צייכנט אפ א גרויסע טאג פאר די זיכערהייט פון אלע ניו יארקער פון רויט לייט קאמעראס ביז אנדערע געזעצן און רעגולאציעס

פארזיכערענדיג די זיכערהייט פון דרייווער און פוסגייער צוגלייך. איך בין ספּיציעל צופרידן מצו זעהן דאס אינטערשרייבן פון ביל S9735, וועלכע איך האב געספּאנסערד צוזאמען מיט אסעמבלימעמבער גערי פּרעטלאו אין נאמען פון די סיטי פון מאונט ווערנאן פארברייטענדיג די פארקער רעגולאציעס. א דאנק די מעיאר פון מאונט ווערנאן, שאון פעטערסאן-האווארד און סיטי קאונסיל פּרעזידענט, קעטלין גליסאן, פאר זייער איבערגעגעבענע באמיונגען צו פארזיכערן די זיכערהייט פון מאונט ווערנאן'ס בירגער. איך דריק ארויס מיין דאנקבארקייט פון די פולע לעגיסלאטיווע פירער וועמענס איבערמידליכע באמיונגען פארזיכערן א בעסערע קוואליטעט פון לעבן פאר יעדעם. און ווי אייביג, א דאנק גאווערנער קעטי האקול, פאר איר אנגייענדע פירערשאפט און אנטשלאסנקייט.״

צום לעצט, לעגיסלאציע S760B/A402B פארברייטערט די ווילדע דרייווען סטאטוס צו ארייננעמען פארקינג לאטס. פארקינג לאטס וועלן ווערן אפּגעטייטשט אלץ פריוואטע פראפערטי מיט קאפאציטעט פאר פיר אדער מער קארס, צוזאמענהענגד צו א געביידע און א שאסיי, פארקינג לאטס נעבן איינצעלנע אדער צוויי-פאמיליע וואוינונגען זענען באפרייט.

**סטעיט סענאטאר דשאן ליו האט געזאגט,** "קאר איבערנעמען אין פארקינג לאטס, וואו דרייווער נעמען אנטייל אין ווילדער ספּידינג, דאונאטס און בורנאוט, האט לאנג געפלאגט איינוואוינער פון ניו יארק. אונזער ביל געט פאר געזעץ ענפארסירונג גרעסערע מעגליכקייטן צו ענטפערן שנעל און אנטשלאסן ווען די געפארפולע פאפאפ איבערנעמונגען קומען ארויף אזוי אז די פאראנטווארטליך שטיין אויס נאכווייען פארן שטעלן פובליק זיכערהייט אין געפאר. פולע דאנק פאר גאווערנער האקל פארן אדרעסירן דעם וויכטיגע געמיינדע זארג דורך אינטערשרייבן אונזער לעגיסלאציע אין געזעץ."

**אסעמבלימעמבער נילי ראזיק האט געזאגט,** "קיינער זאל זיך נישט קענען ארויסדרייען מיט דרייווען אין א וועג וועלכע לייגט אנדערע אין געפאר. עס קומט זיך פאר אונזער געגענטער צו זיין זיכער פאר יעדעם איינעם. מיט די אינטערשרייבן פון די געזעץ, געזעץ ענפארסירונג וועט קענען האלטן ווילדער דרייווער פאראנטווארטליך אין די פול-מאל פארקוקטע ערטער. א דאנק גאווערנער האקול פארן נאכאנאד פארזיכערן די זיכערהייט פון אונזער געמיינדעס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן